# הבינוני

שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

פרשת ויגש ||| שנת תשפ"ד לפ"ק ||| גליון ל"ג ||| שנה ב'



**פטרון סדר בראשית**

**הרוצה בעילום שמו**

לזכותו ולזכות משפחתו

לברכה והצלחה ברוחניות ובגשמיות


## בך בטחתי

### אשרי הגבר יחסה בך;

די גליקליכע רואיגקייט פון דעם 'בעל בטחון' אין אלע סאָרט מצבים

יום ראשון פרשת שופטים א' אלול תשע"ט לפ"ק

א

## ויראה מנוחה כי טוב; די מדה פון 'בטחון' שענקט אונז דאָס בעסטע 'מנוחת הנפש'

### די ערשטע צוויי תועלת'ן פון בטחון

דער בעל 'חובת הלבבות' אין דער פּתיחה פון זיין 'שער הבטחון' רעכנט אויס אַלע תועלת'ן פון אַ איד וואָס לעבט מיט בטחון. **די ערשטע תועלת** איז געווען אַז דער בוטח בה' געפינט זיך 'תחת כנפי השכינה'; ער איז אונטער די הנהגה פון השי"ת און דערפאַר וועט ער מצליח זיין. די מדה פון בטחון ברענגט אים אַ 'קיום', ווייל אויב מען איז זיך נישט בוטח אויף קיין שום השתדלות און נישט אויף קיין שום מענטשן, דעמאָלט געפינט מען זיך פּאַקטיש נישט אונטער די שליטה פון די דרכי הטבע און מען איז זוכה צו אַ געוואַלדיגע הצלחה!

די **צווייטע תועלת**, האָבן מיר געלערנט, אַז דער בוטח בה' דארף נישט זיין קיין עבד פאר מענטשן; ער דאַרף זיי נישט חנפ'ן און נישט האָפן אויף זייערע טובות. ער איז באַפרייט פון זיי דינען ווייל ער פאַרלאָזט זיך בלויז אויף השי"ת.

### דער בוטח האָט אַ רואיג לעבן

יעצט לאָמיר לערנען **די דריטע תועלת** וואָס דער בעל 'חובת הלבבות' רעכנט אויס: "**ומהם, שהבוטח באלוקים יביאהו בטחונו לפנות את לבו מענייני העולם ולייחד לבבו לענייני העבודה**" - דער בעל בטחון וועט האָבן אַלעמאָל אַ רואיגע לעבן, זיין האַרץ און מח וועלן נישט זיין פאַרנומען מיט די טרדות העולם, און ער וועט קענען 'מייחד זיין את לבו' צו דינען דעם רבוש"ע מיט אַ מנוחת הנפש.

אָט די ווערטער פון דעם 'חובת הלבבות' זענען דאָס מערסטע 'שגור בפי כל' ווען מען רעדט פון בטחון; אַז דער שכר פון בטחון איז דאָס אליינס אַז מ'ווערט אויטאָמאַטיש אַ רואיגער מענטש; מען שפּירט אַז אַלעס איז אים גוט! אָבער דער 'חובת הלבבות' לערנט דאָס ענין מיט אַסאַך אַ טיפערע דערהער וואָס מ'דאַרף גוט אָפּלערנען. ס'איז נישט סתם אַז ער וועט זיין רואיג, נאר ס'איז נאָך פיל טיפער דערפון.

### 'מנוחת הנפש' איז די טייערסטע אַרטיקל וואָס איז פאַרהאַן

דער אמת איז דאָך אַז די זאַך פון 'מנוחת הנפש' איז די טייערסטע זאַך אויף דער וועלט און ס'איז די גרעסטע שאיפה וואָס מענטשן קוקן אַרויס דערויף. **מענטשן וואָלטן געצאָלט אַזויפיל געלט צו קענען באַקומען אַביסל 'מנוחת הנפש'**, ווייל אַז מען האָט דאָס נישט קען מען נישט האָבן אפילו קיין גשמיות'דיגע הנאה. וואָס העלפט דען די אַלע תענוגים אויב דער מח איז נישט רואיג און מען האָט נישט קיין מנוחת הנפש?!

מענטשן זענען גרייט צו אַרבעטן ביטער שווער, אַלעס צוליב די האָפענונג אַז דאָס וועט זיי אַמאָל צוברענגען צו רואיגקייט. אָבער דער 'חובת הלבבות' איז אונז מבטיח אַז **די איינציגע וועג וויאַזוי דאָס צו ערגרייכן איז דורך זיין אַ 'בוטח באלקיו'!** אַ איד וואָס פאַרמאָגט די מדה פון בטחון איז רואיג און ער האָט פשוט הנאה אויף דער וועלט מיט אַ 'מנוחת הלב והנפש'!

### דער 'בעל הביטחון' אַזויווי דער 'בעל האלכימיה'

דער 'חובת הלבבות' גיט אַ ביישפּיל ווי רואיג דער בעל בטחון וועט אַלעמאָל זיין:

"**ויהיה דומה במנוחת נפשו ורוחב לבו**" - אַ ברייטע הארץ איז אַ תולדה פון אַן אמת'ע מנוחת הנפש, ווייל ווען דער מענטש איז רואיג, עס קוועטשט אים גאָרנישט, הייבט זיין האַרץ אָן צו ווערן אויסגעברייטערט.

"**ומיעוט דאגתו לענייני עולמו ל'בעל האלכימיה', והוא היודע להפך הכסף לזהב, והנחושת והבדיל לכסף, על ידי חכמה ומעשה**" - דער בעל בטחון וועט האָבן אַזוי ווייניג דאגות פּונקט ווי דער 'בעל האלכימיה'. אַמאָל איז געווען אַזאַ סאָרט פאַך, וואָס מען האָט געקענט איבערדרייען שוואַכע מאַטעריאַל צו טייערע גאָלד און זילבער, אַזאַ מענטש האָט געקענט ווערן אַ 'גביר אדיר', ווייל ער קען דאָך מאַכן פון די ביליגסטע זאַכן זאָל ווערן גאָלד.

לכאורה קוקט אויס אַז דער 'בעל האלכימיה' האָט אַ פאַרזיכערטע פּרנסה, ווייל ער האָט די מעגליכקייט צו אַלעמאָל אויסברייטערן זיין פאַרמעגן. אָבער דער חובת הלבבות זאָגט: "**ואם הוא חזק בביטחונו באלוקים יש לו עליו יתרון בעשרה דברים**" - דער 'בעל בטחון' פאַרמאָגט צען זאַכן מיט וואָס ער איז אפילו מער ווי דעם 'בעל האלכימיה'!

### די ערשטע בענעפיט וואָס דער 'בעל בטחון' האָט מער פון דעם 'בעל האלכימיה'

**"תחילתם, שבעל הכימיה צריך לדברים מיוחדים למלאכה, לא יוגמר לו דבר זולתם"** - די ערשטע יתרון איז אַז דער 'בעל האלכימיה' דאַרף האָבן פאַרשידענע אָביעקטן צו אויספירן זיין פאַך, ער דאַרף האָבן די אייזן צו מאַכן דערפון גאָלד, ער דאַרף האָבן די כלים וויאַזוי ער מאַכט דאָס.

**"ולא ימצאם בכל עת ובכל מקום, והבוטח באלוקים טרפו מובטח לו מכל סיבה מסיבות העולם"** - דער 'בעל האלכימיה' קען נישט טרעפן די אַלע כלים אַלעמאָל און איבעראַל, אָבער דער בוטח בה' איז מובטח מיט זיין פּרנסה! ער האָט נישט נישט איין מהלך וויאַזוי ער מאַכט פּרנסה, ער האָט נישט קיין צען מהלכים, נישט קיין טויזנט מהלכים און אפילו נישט קיין הונדערט טויזנט מהלכים וויאַזוי צו באַקומען זיין שפע, נאר יעדע זאַך אויף דער וועלט קען זיין אַ 'סיבה' אים צו געבן פּרנסה!

**"כמו שאמר הכתוב** (דברים ח, ג)**: למען הודיעך כי לא על הלחם לבדו יחיה האדם"** - אַזוי איז דאך געווען ביי דעם 'מן' אין מדבר. ווען אידן האָבן געדאַרפט האָבן שפּייז איז קיינעם נישט איינגעפאַלן אַז ס'וועט אַראָפּקומען ברויט פון הימל.

**"כי הסיבות אינן נבצרות ממנו בכל עת ובכל מקום"** - ווייל ווען עס קומט אַ שפע פון השי"ת איז גאָרנישט באַגרעניצט . ס'איז נישטאָ קיין שום מציאות וואָס דאָרט קען נישט קומען קיין פּרנסה.

**"כאשר ידעת מדבר אליהו עם העורבים"** - ווען אליהו הנביא האָט געדאַרפט האָבן עסן, האָבן די 'עורבים' פייגלעך אים געברענגט עסן וואָס זיי האָבן אַרויסגענומען פון אחאב'ס קיך. עס וואָלט זיכער נישט איינגעפאַלן פאר קיינעם אַז דאָס זאָל גאָר זיין די 'סיבה' פאר זיין פּרנסה.

**"ועם האשה האלמנה"** - דאָס זעט מען אויך ביי די מעשה פון די אלמנה וואָס אליהו הנביא האָט געמאַכט אַ נס אַז ס'איז געבליבן אויל אין דעם קריגל, שלא כדרך הטבע.

**"ועוגת רצפים וצפחת המים"** - ווען אליהו הנביא האָט זיך אויסבאַהאַלטן איז ער געשלאָפן און אויפשטייענדיג האָט ער געפינען אַ קיכל מיט אַביסל וואַסער און מיט דעם כח איז ער געגאַנגען פאר פערציג טעג אָן קיין שום עסן און טרונקן. דער מענטש פרעגט קשיות: וויאַזוי וועט קומען מיין פּרנסה?! פרעג שוין נישט אַזויפיל קשיות! ס'קומט שפע פאר יעדן מענטש אויף אופנים וואָס ער וואָלט זיך קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט!

> **מענטשן וואלטן געצאָלט אַזויפיל געלט צו קענען באַקומען אַביסל 'מנוחת הנפש'**

**"ודבר עובדיהו עם הנביאים, שאמר** (מלכים א יח, יג)**: ואחביא מנביאי ה' מאה איש חמשים חמשים איש במערה ואכלכלם לחם ומים"** - עובדיה האָט געדאַרפט שפּייזן הונדערט נביאים, וויאַזוי האָט ער געהאַט?! ער האָט געהאַט ווייל השי"ת האָט אים געהאָלפן!

און דער חובת הלבבות פירט אויס: **"ואמר** (תהלים לד, יא)**: כפירים רשו ורעבו ודורשי ה' לא יחסרו כל טוב"** - אפילו אויב די יונגע לייבן קענען אַמאָל זיין הונגעריג וועט פאר די יראי ה' קיינמאָל נישט גאָרנישט פעלן, יעדע זאַך אויף דער וועלט קען ווערן אַ 'סיבה' פאר זייער פּרנסה. **"ואמר** (שם פסוק י)**: יראו את ה' קדושיו כי אין מחסור ליראיו"**.

דער 'חובת הלבבות' לערנט אונז אַז דער בעל בטחון דאַרף נישט האָבן קיין שום 'סיבה' און קיין שום 'כלים' צו באַקומען זיין פּרנסה. געוויס דאַרף אַ געוועהנליכער מענטש, ווילאַנג מ'איז נישט אָנגעקומען צו דער גרויסער מדריגה פון צדיקים, יאָ טון די נאָרמאַלע השתדלות ווייל אַזוי האָט השי"ת געהייסן, אָבער דער בעל בטחון איז נישט דבוק אין דער 'השתדלות'! ער ווייסט אַז ס'האָט גאָרנישט צוטון מיט זיין שפע!

דער 'בעל בטחון' טוט בלויז אַזאַ סאָרט השתדלות וואָס ער איז זיכער אַז דאָס איז אויסגעהאַלטן על פי תורה, און **ער איז פאַרזיכערט אַז זיין פּרנסה קען אָנקומען פון מיליאָנען אַנדערע אופנים.** ער לעבט אָן קיין שום דאגה, ווייסנדיג אַז ס'איז נישטאָ קיין שום זאַך וואָס קען אים שטערן די פּרנסה.

### פאַרוואַנדלן אַלע שוועריגקייטן אַז ס'זאָל ווערן ריין 'גאָלד'

ווען דער חובת הלבבות איז מדמה דעם 'בעל בטחון' צו דעם 'בעל האלכימיה' וויל ער אונז דאָ לערנען אַ טיפערע זאַך. ווייל לכאורה איז שווער, פאַרוואָס האָט דער מחבר געדאַרפט זוכן אַ דוגמא פונקט פון אַ 'בעל האלכימיה'?! יעדער ווייסט דאך סייווי וואָס איז דאָס 'מנוחת הנפש' און וואָס איז דאָס 'רוחב הלב', מען קען דאָס מסביר זיין אויף אַסאַך אופנים, מען דאַרף נישט דערפאַר האָבן קיין משלים.

נאר באמת, האָט דער בעל 'חובת הלבבות' נישט סתם גענוצט אַ ביישפּיל פון אַ פאַך וואָס מען פאַרדינט דערביי אַסאַך געלט, **ער לערנט אונז דאָ אַ יסוד אַז דער 'מהות' פון אַ 'בעל בטחון' איז צו איבערקערן יעדע זאַך אויף דער וועלט אַז ס'זאָל ווערן גאָלד!**

אַ איד וואָס האָט די מדה פון 'בטחון' איז אַזויווי דער 'בעל האלכימיה' ווייל **ער האָט באמת די מעגליכקייט צו איבערדרייען יעדע סאָרט מציאות צו גאָלד!**

נאָכמער: דער 'בעל האלכימיה' דאַרף כאָטש האָבן עפּעס 'נחושת' אָדער 'בדיל' צו מאַכן דערפון 'כסף וזהב', אָבער דער 'בעל בטחון' דאַרף אפילו נישט האָבן קיין שום כלים צו איבערקערן יעדן מצב אויף גאָלד! **ס'איז נישט פאַרהאַן קיין שום פּלאַץ און קיין שום מצב וואָס דער 'בעל בטחון' קען דאָס נישט מהפך זיין צום גוטן.** און דערפאַר האָט ער טאַקע אַזאַ געוואַלדיגע 'מנוחת הנפש ורוחב הלב' אייביג און אַלעמאָל!

ב

## והוא יישר ארחותיך; לאָז דעם רבוש"ע פירן דיין 'סדר היום'

### אַוועקלייגן אונזער שכל אין דער זייט

ווען **שלמה המלך** ע"ה רעדט וועגן בטחון אין ספר **משלי**, זאָגט ער (ג, ה)**: "בטח אל ה' בכל לבך ואל בינתך אל תשען"**, פאַרלאָז זיך אויף השי"ת מיט דיין גאַנצע האַרץ און אויף דיין פאַרשטאַנד זאָלסטו זיך נישט אָנלאַנען.

דער **גר"א** טייטשט דעם פּסוק אַז ס'איז נישט גענוג אויב דער מענטש איז זיך בוטח בה', נאר אפילו נאָכדעם וואָס ער פאַרלאָזט זיך אויף השי"ת זאָגט שלמה המלך: **העלף אפילו נישט צו! אל בינתך אל תשען!** זיי נישט פאַרנומען טראַכטן וויאַזוי די פּרנסה וועט אָנקומען. אַזעלכע מחשבות מאַכן בלויז קאַליע די שפע. **זיי רואיג און פאַרזיכערט אַז דער רבוש"ע גייט דיך העלפן.** וויאַזוי?! איך וויל נישט וויסן וויאַזוי!

**אותיות מחכימות** — פירוש הגר"א, משלי ג, ה

בטח אל ה' בכל לבך, היינו שיהי' לבך שלם במדת הבטחון ולא במקצת הלב.

ואל בינתך אל תשען, שלא תאמר אבטח בה' אך אני מחויב לעשות ולהשען גם על שכלי, ולכן אמר שאל תשען אפילו בתורת משענת לא יהי' לך שכלך אלא בטח בה' בכל לבך.

## מיט בטחון באַקומט מען אַ גייע לעבן פון 'קרבת אלקים'

אין דעם קומענדיגן פסוק זאָגט שלמה המלך: **"בכל דרכיך דעהו והוא יישר ארחותיך"**.

זענען די מפרשים מסביר אַז דער צווייטער פסוק איז אַ פּירוש אויף דעם ערשטן פסוק; ווען אַ מענטש איז קונה אַן אמת'ע בטחון און ער פאַרלאָזט זיך גאָרנישט אויף זיין אייגענע פאַרשטאַנד און השתדלות, **דעמאָלט וועט ער אָנהויבן לעבן אויף אַן אופן פון "בכל דרכיך דעהו!** ער ווייסט אַז ער דאַרף גאָרנישט האָבן, ער דאַרף בלויז דינען השי"ת אויף אַלע זיינע וועגן און דער רבוש"ע וועט אים שוין אויסגלייכן זיינע מצבים לטובה - **והוא יישר אורחותיך!**

ווען אַ איד לעבט מיט דעם מהלך המחשבה פון 'ואל בינתך אל תשען' וועט שוין במילא ווערן איבערגעקערט יעדע סאָרט מצב צו אַ מציאות פון גאָלד און ער וועט קענען דינען דעם רבוש"ע מיט אַ געוואַלדיגע רואיגקייט!

## געב איבער דיין טאָג פאַר'ן גוטן באַשעפער

בטחון איז טייטש 'טראַסט'. דער בעל בטחון געטרויעט השי"ת! **אויב דער רבוש"ע האָט מיך אַריינגעלייגט אין דעם מצב דעמאָלט איז דאָס זיכער די בעסטע זאַך וואָס האָט געקענט געשען צו מיר!** איך האָב געמיינט אַז מיין טאָג וועט גיין אויף איין וועג, אָבער ס'האָט פּאַסירט אַן אַנדערע סאָרט מציאות, איז דאָס זיכער זייער גוט! איך האָב געמיינט אַז כ'וועל אָנקומען דאָרט און למעשה האָט זיך עס געטוישט, **אָבער איך פאַרלאָז זיך אויף השי"ת**, אויב ער האָט מיך אַריינגעלייגט אין דעם מציאות איז דאָס זיכער גאָלד!

דער בעל בטחון האָט לכתחלה נישט קיין פּלאַן וואו ער גייט אָנקומען. ער שטייט אויף אינדערפרי און **ער הייבט אָן זיין טאָג: "לאָמיר זען וואו השי"ת גייט מיך היינט פירן"...** ער איז גלייך מתפלל: "רבוש"ע טראָג מיך אויפ'ן ריכטיגן וועג, והוא יישר אורחותיך, איך ווייס נישט וואו צו גיין, איך געטרוי דיך פולשטענדיג".

## פּראָגראַמירן אונזער קאָפּ צו ווערן געפירט דורך די הנהגה עליונה

דערנאָך ווען דער רבוש"ע פירט אים רעכטס אָדער לינקס, ווערט דער 'בעל בטחון' נישט אויפגערעגט. דער מצב האָט זיך בכלל נישט געטוישט אַנדערש ווי ער האָט געמיינט, **ווייל ער האָט לכתחלה זיך שוין צוגעגרייט דערצו!** יעצט האָט ער ניטאָמאָל קיין נסיון זיך צו בייזערן אויף דעם וואָס זאַכן גייען נישט לויט זיין פּלאַן און אויף דעם וואָס ער דאַרף זיין פאַרנומען מיט עפּעס אַנדערש וואָס ער האָט געקלערט.

דער בעל בטחון איז אַזוי 'פּראָגראַמירט' ווייל ער האָט זיך שוין אַריינגעלייגט אין קאָפּ אָנהויב טאָג אַז דער רבוש"ע גייט אים היינט פירן. דאָס איז גורם אַז יעדע מצב וואָס קומט אים אונטער זעט ער דאָרט בלויז גוטס. **"אָה, דאָס האָט יעצט פּאַסירט?! איז דאָס זיכער טוב! עפּעס אַנדערש האָט פּאַסירט?! איז יענץ אַצינד דאס בעסטע טוב!"** - מיט דעם כח הבטחון דרייט ער איבער יעדע זאַך צו גאָלד.

## דער בעסטער 'סדר היום' איז 'ולפעמים להיפך'

וועט אַ מענטש פרעגן: **מען דאַרף נישט מאַכן קיין פּלאַן פאַר'ן טאָג?!** מען דאַרף דאך יאָ האָבן אַ געהעריגן סדר היום?! וויאַזוי קען מען זאָגן אַז מ'דאַרף זיך לאָזן פירן לויט דעם איבערערשטנ'ס פּלאַן יעדע רגע?!

דאָס איז אַ שאלה וואָס אַסאַך מענטשן זענען זיך טועה דעריגען. די תשובה דערצו איז זייער פשוט, און מ'דאַרף דאָס וויסן, ווייל ס'איז אַ גרויסע חלק פון האָבן ריכטיגע בטחון.

הרה"ק רבי **צבי הירש מזידיטשוב** זי"ע, דער תלמוד מובהק פון הרה"ק **דער רבי פון לובלין** זי"ע, האָט געהאַט אַ מורא'דיגן 'סדר היום' פון עבודת ה' און לימוד התורה. מען פאַרציילט אַז איינס פון זיינע שיעורים איז געווען צו לערנען יעדן טאָג זיבן בלאַט גמרא בעיון און דאָס איבער'חזר'ן זיבן מאָל, בנוסף צו אַלע אַנדערע שיעורים בנגלה ובנסתר אויף אַ הפלא'דיגן אופן.

איינמאָל האָט ער זיך אָפּגעשריבן זיין גאַנצע 'סדר היום', וויאַזוי ס'דאַרף אויסקוקן דער טאָג, די הכנה לתפלה, דאָס דאַווענען אליינס, די עבודת האכילה, און אַזוי ווייטער זיין גאַנצע עבודת הקודש פאַר'ן טאג, און ער איז געקומען צום רבי'ן פון לובלין, פרעגן אַן 'הסכמה' אויב דער 'סדר היום' איז ריכטיג.

דער הייליגער לובלינער האָט דאָס איבערגעקוקט און דערנאָך האָט ער געזאָגט "גוט", אָבער ער האָט גענומען אַ פּענע און צוגעשריבן ביי יעדע שורה די ווערטער: **"ולפעמים להיפך"**.

## צוזאַמען מיט אַלע גוטע פּלענער לייג אויך אַריין אַז ס'קען זיין פאַרקערט

דאָס הייסט אַז אודאי דאַרף אַ איד האָבן אַן אָנגעפולטן 'סדר היום' מיט תורה ותפלה, אָבער צוזאַמען מיט דעם גאַנצן פּלאַן דאַרף מען זיך אַריינלייגן לכתחלה אַז **'לפעמים'**; אויב דער רבוש"ע גייט וועלן אַנדערש; דעמאָלט וועט עס זיין **'להיפך'**!

דאָס איז אַ חלק פון מיין 'סדר היום' אַז **אויב כ'גיי זיך טרעפן אין אַ מצב וואָס כ'דאַרף פאַרמאַכן די גמרא און גיין טון דעם רצון ה' וועל איך דאָס טון מיט אַ שמחה!** איך גיי אפילו נישט זיין צעבראָכן פאַר קיין סעקונדע, ווייל כ'האָב זיך דאָך אויסגענומען לכתחלה אַ 'תנאי' אַז איך גיי לערנען, בלויז ווייל איך וויל מקיים זיין דעם רצון ה'. אויב איך זע אַז דער רצון ה' איז יעצט אַנדערש, איז דאָך געוואַלדיג! וועל איך מקיים זיין דעם רצון ה' אויף אַן אַנדערן אופן!

**דער באַגריף פון 'לפעמים להיפך" איז אַ יסוד וויאַזוי מען קען לעבן אַלעמאָל מיט אַ רואיגע בטחון און מנוחת הנפש.** אויב אָבער דער מענטש שטעלט זיך אַוועק אויף אַ געוויסע 'סדר היום' לויט זיין באַגער, און ער גייט יעצט אָנהויבן 'האַקן בטחון' אַז דאָס זאָל טאַקע אַזוי ווערן פּונקטליך וויאַזוי ער וויל... **וועט ער קיינמאָל נישט קענען האָבן קיין 'מנוחת הנפש'!**

דער בעל בטחון נעמט יעדן מצב און ער מאַכט דערפון גאָלד, ווייל ער לעבט מיט דעם כלל פון 'בכל דרכיך דעהו והוא יישר אורחותיך'. אַלעס איז אים גוט געגוי וויאַזוי דער רבוש"ע פירט אים!

## אַ מענטש אויף דער וועלט איז בלויז אַן אַרבעטער

די זאַך וואָס איז גורם די מערסטע 'פיזור הנפש' פאַר אַ מענטש איז ווען זיין פּלאַן ווערט פאַרדרייט. ער האָט געוואָלט יעצט טון איין זאַך, און דערווייל איז אים אונטערגעקומען אַ צווייטע זאַך. דער מענטש פאַרלירט אַצינד זיין גאַנצע קאָפּ און ישוב הדעת, ווייל ער שפּירט אַז ער איז נישט דאָ און נישט דאָרט. זיין האַרץ איז געבליבן אויף דעם ערשטן פּלאַץ, און במציאות איז ער געצווינגען צו טון עפּעס אַנדערש, דאָס

> **ער הייבט אָן זיין טאָג: "לאָמיר זען וואו השי"ת גייט מיך היינט פירן"...**

מאַכט אים אַזוי שטאַרק צעטומלט און נישט מיושב.

אויב אָבער מען וועט זיך גוט אַריינענעמען אין קאָפּ אַז ער איז בלויז אַ 'שליח' וואָס דאַרף אויספאָלגן וואָס מען הייסט אים פון הימל, ער איז בסך הכל אַן אַרבעטער פאַר'ן רבוש"ע און ער דאַרף בלויז טון דעם רצון ה' וואָס איז נוגע די יעצטיגע מינוט, **וועט דאָס אים ברענגען אַזאַ 'מנוחת הנפש' וואָס מ'קען זיך נישט פאָרשטעלן!** אפילו אויב ער וועט זיין געצווינגען צו טון אַנדערע אויפגאַבעס אַגאַנצע צייט.

### דער אַרבעטער ווערט נישט אומרואיג ווען ער דאַרף טוישן זיין סקעדזשול

ראובן איז אַן אַרבעטער פאר שמעון. יעדן טאָג גייט ער צו דער אַרבעט אויף פינף שעה פאר שיין באַצאָלט. ער באַקומט יעדן טאָג אַ ליסטע פון אַדרעסן וואו ער דאַרף פאָרן צו איבערגעבן און ערלעדיגן זאַכן.

איין טאָג דאַרף ער פאָרן קיין בני ברק צו איבערגעבן עפּעס. ער קומט דאָרט אָן און נאָכ'ן טון זיין אַרבעט, רופט ער שמעון און פרעגט אים וואָס ער זאָל טון יעצט. זאָגט אים שמעון אַז די קומענדיגע האַלבע שעה קען ער בלייבן אין בני ברק און דערנאָך זאָל ער גיין צו אַן אַנדערע פּלאַץ. פרעגט ראובן צי ער קען לערנען אין דער האַלבער שעה. אודאי! זאָגט אים שמעון.

ראובן זעצט זיך לערנען, אָבער דאַן באַקומט ער אַ טעלעפאָן רוף אַז ס'איז עפּעס אונטערגעקומען פריער און ער דאַרף שוין אַהינגיין דאָס אָפּנעמען. ראובן מאַכט צו די גמרא און ער בלייבט זייער רואיג, ווייל ער ווייסט אַז במשך די קומענדיגע פינף שעה איז ער משועבד פאר זיין אַרבעט. ער האָט נישט קיין שום 'פיזור הנפש', נאר ער פאָלגט וואָס מען הייסט אים טון. דערפאַר באַקומט ער דאָך באַצאָלט. ער ווערט נישט איבערגענומען פון די אַלע לעצט- מינוטיגע טוישונגען.

אָט אַזוי לעבט דער 'בעל בטחון' יעדע מינוט פון זיין לעבן! ער איז אַ געטרייער 'שליח' פאר זיין באַלעבאָס און **ער ווערט נישט צעמישט אויב דער רבוש"ע האָט אים יעצט געשיקט צו אַ שליחות וואָס ער האָט זיך נישט גערישט דערויף**. ווייל ער ווייסט אַז דאָס איז יעצט דער רצון ה', פאַרוואָס זאָל ער זיין צעבראָכן?!

### לאָמיר לכתחלה מאַכן אַלע פּלענער מיט דער ידיעה אַז מיר זענען בלויז שליחים

אַ איד האָט יונגערהייט שוין געהאַט אַ פּלאַן אויפ'ן גאַנצן לעבן, ס'איז שוין געווען אויסגעשטעלט מיט אַ פּענע אויף פּאַפּיר וויאַזוי זיין לעבן גייט אויסקוקן, און **אינמיטן איז אים אונטערגעקומען אַ פּרשה, וואָס דער רבוש"ע האָט אים אַריינגעלייגט דאָרט, און זיין גאַנצע פּלאַן איז פאַרדרייט געוואָרן.** יעצט בייזערט זיך דער מענטש: "פאַרוואָס האָט מען מיך צעשטערט דאָס לעבן?!", ער ווערט נעבעך אַזוי צעבראָכן און ער האָט מער נישט קיין מנוחת הנפש, ווייל דאָס לעבן גייט אים נישט ווי געפּלאַנט.

טייערער ר' איד: **וואָס האָסטו געטראַכט?! פאַרוואָס איז דיך נישט איינגעפאַלן אַז דו ביזט אַן אַרבעטער וואָס דאַרף פשוט טון דעם תפקיד וואָס מען הייסט אים?!** פאַרוואָס האָסטו זיך נישט בוטח געווען אין דיין אַרבעט'ס געבער?!

ווען אַ איד מאַכט לכתחלה אַלע זיינע פּלענער מיט דער מחשבה אַז **ער איז בלויז אַ 'שליח' וואָס דאַרף פאָלגן דעם 'משלח'**, ווערט ער אַזוי בשמחה דערפון! **גאָרנישט קען אים שוין נישט צעברעכן!** ווייל אויב דער רבוש"ע פירט אים אַזוי, איז דאָס געוויס די בעסטע וועג וויאַזוי ער קען אויספירן זיין תפקיד בשלימות אויף דער וועלט!

> איך גיי אפילו נישט זיין צעבראָכן פאַר קײַן סעקונדע, ווייל כ'האָב זיך דאָך אויסגענומען לכתחלה אַ 'תנאי'

### די זעלבע רואיגקייט ביי דעם איינציגן שידוך ווי ביי די דריי שידוכים...

וויפיל מער אַ מענטש פאַרשטייט אַז מען פירט אים פון הימל, אַזויפיל מער רואיגקייט באַקומט ער. לאָמיר זאָגן אַז מ'טראָגט אָן פאר אַ איד דריי שידוכים, ער האָט אָבער נישט קיין מושג וועלכע שידוך איז בעסער און ער בעט השי"ת זאָל אים פירן צו דעם ריכטיגן באַשלוס. דאַן הערט ער אַז איינע פון די דריי שידוכים איז למעשה אַראָפּ פון טיש צוליב אַ זייטיגע סיבה, איז ער זייער צופרידן דערפון, ב"ה אַז יעצט האָב איך שוין נישט דעם ספק, מ'האָט מיר געוויזן פון הימל אַז דאָס איז זיכער נישט באַשערט.

**דער 'בעל בטחון' האָט די זעלבע הרגשה ווען ס'איז נאָר דאָ איין שידוך אויפ'ן טיש און ס'איז אַראָפּגעפאַלן!** ווייל ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין שום פּלאַן, ער פאַרלאָזט זיך פולקאָם אַז דער רבוש"ע גייט אים פירן אויפ'ן ריכטיגן וועג. דעריבער נעמט ער יעדע סאָרט מצב און ער דרייט דאָס איבער אויף גאָלד, ווייל ער איז אַזוי שטאַרק בטוח בה' אַז אַלעס איז לטובה.

### פאַרלוירן די פּרנסה פּאָזיציע?! ער דאַנקט השי"ת!

דער בוטח בה' קוקט אויף יעדע זאַך וואָס פּאַסירט מיט אַ צופרידענע און רואיגע בליק: **"אָה, ס'איז אַזוי געשען?! האָט דאָך דער איבערשטער דאָס געשיקט פאר מיר, מסתם איז דאָס די בעסטע זאַך!".**

ווען ער האָט זייער שטאַרק געוואָלט באַקומען אַ געוויסע פּרנסה שטעלע, ווייל ער האָט געהאַלטן אַז דאָס איז פּאַסיג פאַר אים, און למעשה האָט מען אים נישט אויפגענומען פאר די שטעלע, דאַנקט ער דעם אויבערשטן! **נישט ווייל ער דאַרף האָרעווען אויף זיך, נאר ווייל ער האָט די נאַטירליכע הרגשה אַז ער איז דאָ ווי אַ 'שליח'**, וואָס טוט דעם רצון ה' אויף טריט און שריט.

ג

## הבטחון פרי האמונה; די רואיגקייט פון 'בטחון' קומט דורך זיך מרגיל זיין מיט 'אמונה'

### די פרוכט פון 'אמונה' איז 'בטחון'

ס'איז ידוע וואָס דער **רמב"ן** שרייבט אין אָנהויב פון זיין ספר 'האמונה והבטחון', אַז 'בטחון' איז די פרוכט פון 'אמונה'. דאָס הייסט אַז ס'איז מעגליך אַז אַ מענטש זאל האָבן 'אמונה' אָבער ער האָט נאָכנישט די מדריגה פון 'בטחון', אָבער מ'קען נישט האָבן 'בטחון' אויב מען האָט נישט די ריכטיגע 'אמונה'.

**אותיות מחכימות** · ספר האמונה והבטחון להרמב"ן שער א'

האמונה והבטחון הם שני ענינים, שהאחד צריך לחבירו ואין חבירו צריך לו, שהאמונה קודמת לבטחון ומתקיימת בלב המאמין אע"פ שאין הבטחון עמה, ואינה צריכה לו בקיומה, ולפיכך אינה מורה עליו. אבל הבטחון הוא מורה עליה (על האמונה) שאי אפשר לו להיות קודם לה ולא להתקיים בלעדיה. וכל הבוטח יקרא מאמין אך לא כל המאמין יקרא בוטח. כי האמונה כמו האילן והבטחון כמו הפרי. והפרי אות על האילן או על עשב שגדל את הפרי ההוא ואין האילן או העשב לאות על הפרי, כי יש אילנות שאינם עושים פרי וכן עשבים הרבה, אבל אין פרי בלא אילן או עשב.

## 'בטחון' דאַרף ווערן געבויעט דורך אַן עבודה פון 'אמונה'

מ'זעט פון דעם רמב"ן אַז די אמת'ע מדה פון 'בטחון' קען בלויז קומען דורך אַרבעטן אויף די אמונה! ווען אַ איד חזר'ט זיך איינמאָל און נאָכאַמאָל אַז **דער רבוש"ע פירט די גאַנצע בריאה און השי"ת ווייסט אים אַלעמאָל טון דאָס בעסטע ווייל ער האָט אים ליב ווי אַ בן יחיד,** וועט דאָס געבן פאַר'ן מענטש אַזאַ סאָרט בטחון וואָס וועט אים טאַקע ברענגען אַ געוואַלדיגע רואיגקייט און 'מנוחת הנפש'!

אָבער אַ מענטש וואָס קלערט אַז ער האָט בטחון אָן זיך חזר'ן אמונה, וועט איין טאָג זיך דערזען אַז באמת האָט ער נישט קיין ריכטיגע בטחון, נאָר ער איז פשוט געווען רואיג ווייל ער האָט אַזאַ נאַטור, און פלוצלינג ווען ס'איז אים אונטערגעקומען אַ נסיון וועט ער שוין גאָרנישט זיין רואיג, ווייל זיין בטחון איז נישט געקומען פון קיין קראַנטע פלאַץ, **ס'איז נישט געוואָרן געבויעט דורך אַן עבודה פון אמונה!** אונזער רואיגקייט און שלות הנפש דאַרף קומען צוליב אמונה אַז דער רבוש"ע פירט די בריאה לטובה!

## מ'קען יאָ בלייבן העלפן אינדערהיים מיט אַ שמחה...

אַ אינגערמאַן וועקט זיך אינדערפרי, ער וויל גיין דאַווענען און לערנען זיינע שיעורים אין בית המדרש. אָבער אויפאַמאָל ווערט ער געוואויר אַז ער דאַרף מוחל זיין בלייבן אינדערהיים און אַרויסהעלפן מיט די קינדער, צוליב אַ סיבה וואָס איז אונטערגעקומען. **זיין גאַנצע פלאַן פאַר'ן צופרי' איז צעבלאָזן געוואָרן.**

אויב דער מענטש איז ריכטיג אַוועקגעשטעלט מיט די מדה פון בטחון, ער האָט זיך גוט איינגעקריצט אין האַרץ אַז דער רבוש"ע ווייזט אים אַלעמאָל דעם וועג וואָס ער דאַרף יעצט טון, וועט אים אויך דער מצב ווערן 'גאָלד'! **ער וועט בלייבן אין שטוב העלפן, מיט די זעלבע שמחה וואָס ער וואָלט געהאַט גייענדיג דאַווענען אין ביהמ"ד!**

הרה"ק רבי **משה לייב סאַסובער** זי"ע האָט דאָך געקענט שטיין בעפאָר 'כל נדרי' און וויגן אַ קינד. ער האָט נישט געהאַט קיין שום צער דערפון, ווייל ער האָט זיך בוטח געווען דערפון און געוואוסט אַז דער רבוש"ע פירט מיך אייביג לויט מיין תכלית וואו כ'דאַרף צוקומען!

ערליכע אידן האָבן זיך צוגעוואוינט צו לעבן און טראַכטן אַזוי, **נאָך איידער דער נסיון איז אונטערגעקומען!** אַזוי אַז שפּעטער ווען זיי האָבן זיך געטראָפן אין אַלע סאָרט סיטואַציעס פון לעבן, האָבן זיי נישט געהאַט קיין שום שוועריגקייט זיך צוצופאַסן צום מצב און זיך צושטעלן צו וואָס השי"ת פאָדערט פון זיי אין דעם יעצטיגן מאָמענט!

## די געסט ביים באַנקעט געניסן פון יעדן מאָמענט אַן וויסן וואָס ערוואַרטעט זיי

אַז מען וועט פּרובירן וועט מען אליינס זען אַז אַזאַ סאָרט לעבן ברענגט אַ מורא'דיגע מנוחת הנפש! די נאָנטסטע משל וואָס מ'קען געבן דערצו איז אַ מוסד וואָס האָט אַראַנדזשירט אַ ספּעציעלע באַנקעט פאַר אַ געקליבענע צאָל נדיבים וועלכע האָבן געגעבן אַ מיליאָן דאָלער פאַר'ן יאָר. **מ'האָט אָבער נישט אויסגעזאָגט פאַר די געלאַדנטע וואָס עס גייט זיין דער פּראָגראַם פון דעם אָוונט...** זיי ווייסן אַזויפיל אַז ס'גייט דאָרט זיין גאָר אַנגענעם. ס'וועט זיין עסן, שירה וזמרה, פּרעזענטאַציעס און רייכע פּראָגראַמען.

די געסט זיצן דאָרט, אַ פּיס אויף אַ פּיס, און **עס אינטערעסירט זיי איבערהויפּט נישט וואָס עס גייט באַלד קומען!** דער איינגעלאַדנטער נדיב זאָגט: "איך האָב נישט קיין אַנונג וואָס עס גייט דאָ זיין, אָבער כ'ווייס איין זאַך, מ'האָט מיך דאָ געברענגט צו מטיב זיין!". ער זיצט פשוט רואיג און האָט הנאה פון יעדע מינוט! ער זאָרגט זיך בכלל נישט אויף דעם גאַנצן פּראָגראַם, נאָר ער וואַרט מיט אינטערעסע וואָס גייט זיין די קומענדיגע געשמאַקע זאַך וואָס מ'גייט אַהערשטעלן...

## די זיסע געפיל געפיל פון מיטהאַלטן דעם פּראָגראַם וואָס השי"ת פירט אַן

דער **'בעל בטחון' האָט געגוי דעם זעלבן געפיל יעדן טאָג!** ער שטייט אויף אינדערפרי' און ער ווייסט אַז היינט גייט אים דער רבוש"ע מטיב זיין! וויאַזוי?! **עס אינטערעסירט אים נישט!**

יעדע סאָרט מצב ווערט ביי אים גליך גאָלד! ער האָט פשוט הנאה צו קוקן וויאַזוי דער רבוש"ע פירט אים זיין טאָג צו אַזעלכע פּלעצער וואו ער האָט בכלל נישט זיך געראַכטן! **דער מענטש האָט איינפאַך אַ 'מנוחת הנפש'; ס'איז אים אַלעמאָל אַזוי גוט,** ווייל ער ווייסט אַז דער גוטער באַשעפער שטעלט אים אויס דעם 'סדר היום' פאַר זיין בעסטע טובה!

שנים מקרא ואחד תרגום

## להאיר את האור;

לערנען די פרשת השבוע באַלייכט די נשמה מיט דער קדושת השב"ק

יום חמישי פרשת וירא, ט"ו מרחשון תשפ"ב

א

# להבין ולהשכיל; אַן אמת'ע 'חיבור פנימי' קומט בלויז נאָכ'ן לערנען עטליכע מאָל

## ביים צווייטן מאָל לערנען פאַרשטייט מען ריכטיג

ס'איז דאָ אַ באַקאַנטע אויסשפּראַך וואָס מען הערט פון די לומדים אין ישיבה: "פּאַרוואָס לערנט מען?! כדי מ'זאָל האָבן אויף וואָס צו חזר'ן".

פשט פון דעם מימרא איז אַז אַ מענטש וואָס האָט ליב צו לערנען, וועט געוויינליך זיך טרעפן ביים ערשטן מאָל לערנען מיט שטרויכלונגען, ער וועט פאַרהאַקט אינמיטן לערנען ווייל ער פאַרשטייט נישט גלייך אַלעס. אָבער אויב מען איז זיך מרגיל אין חזרה, ווייסט מען אַז **ווען מ'לערנט דאָס צווייטע מאָל איז דאָ דערביי אַ**

**מורא'דיגע געשמאַק**, ווייל מען ווערט שוין נישט אָפּגעשטעלט אינמיטן, יעצט קען מען הנאה האָבן פונעם לערנען.

### זיך מחבר זיין פנימיות'דיג אָדער חיצוניות'דיג

פון דער אַנדערער זייט איז נישט קיין סוד אַז רוב מענטשן האָבן בכלל נישט אַזוי ליב קיין חזרה. מענטשן ווילן לערנען נייע זאַכן און ס'איז שווערער צו חזר'ן, ווי מיר געפינען שוין אין חז"ל דער מושג פון "**עתיקתא קשיא מחדתא**".

די סיבה פאַרוואָס דאָס איז אַזוי, איז וויבאַלד ביי יעדע זאַך, אפילו ביי געוועגליכע 'דברים של חול', און אודאי שוין אָפּגערעדט ביי דער תורה, איז דאָ צוויי וועגן וויאַזוי מ'קען זיך מחבר זיין דערצו; מ'קען האָבן אַ חיבור דערמיט 'באופן חיצוני', און דערנאָך קען מען זיך מחבר זיין דערצו 'באופן פנימי'. פאַרשטענדליך אַז ס'איז דאָ דערינען אַסאַך מדריגות אין די 'פנימיות' וויפיל מ'קען צוקומען צו יעדע זאַך.

### דאָס ערשטע מאָל באַקענט מען זיך מיט די 'חיצוניות'

דאָס ערשטע מאָל וואָס אַ מענטש טרעפט מיט סיי וועלכע זאַך איז ער זיך מתחבר דערצו בלויז 'באופן חיצוני'. דאָס איז אַ כלל וואָס האָט נישט קיין 'יוצא מן הכלל'. אַלעמאָל איז דאָס אַזוי! שפּעטער ווען דער מענטש טרעפט זיך נאָכאַמאָל דערמיט ווערט ער מחובר אויף אַ מער פנימיות'דיגע דרגא, און אַזוי צוביסלעך שטייגט און וואַקסט די פנימיות'דיגע חיבור.

אַ פּשוט'ע דוגמא: ווען מען טרעפט אַ מענטש זעט מען די ערשטע זאַך יענעם'ס באָרד, זיינע ברילן און די וועג וויאַזוי ער רעדט... מען זעט און מען שפּירט ממש בלויז די חיצוניות'דיגע זאַכן.

ווען מען טרעפט זיך מיט אים נאָכאַמאָל, איז שוין דאָ עפּעס אַ מער פנימיות'דיגע בליק, און אויב מען קען שוין דעם מענטש אַ יאָר צייט, דעמאָלט איז מען זיך מחבר צו זיין פנימיות'דיגע מהות. **די אַלע חיצוניות'דיגע זאַכן פאַרנעמען שוין דעמאָלט נישט קיין שום רושם.**

דאָס איז אַלעמאָל די מציאות. מען דאַרף קודם דורכגיין די אַלע 'ענינים חיצונים', ביז מען טרעפט דאָס 'פנימיות' און מ'קען זיך מחבר זיין דערצו.

### די ערשטע רושם איז נישט די ריכטיגע בליק

כ'האָב אַמאָל געהערט פון אַ איד וואָס העלפט מענטשן מיט נפשיות'דיגע פּראָבלעמען, אַז ווען ער שיקט אַ איד צו אַ מומחה זאָגט ער אים אַלעמאָל די ערשטע זאַך: "איך וויל נישט הערן דיין מיינונג אויף דעם מומחה בעפאַר דו טרעפסט אים כאָטש פינף מאָל"... ווייל ווען מ'טרעפט איינעם דאָס ערשטע מאָל כאַפּט מען בלויז אויף אַלע אַרומיגע זאַכן, מ'קען זיך נאָכנישט מתחבר זיין צו דעם מענטש'ס פנימיות, דעריבער קען מען נאָכנישט זאָגן קיין דעות אויף יענעם. הערשט נאָכדעם וואָס מ'האָט שוין פאַרבראַנגט עטליכע מאָל, קען מען זיך שוין נעענטער מחבר זיין און אַרויסהאָבן ווער דער מענטש איז בפנימיות.

> **אַסאַך מענטשן לאָזן אָפּ נאָך 'מרור', ווייל זיי האָבן נישט קיין געדולד צו אויסוואַרטן אויף דעם 'שלחן עורך'...**

דער כלל איז נוגע פאַר זייער אַסאַך זאַכן, פאַר 'שלום בית' און פאַר מלמדים אין תלמוד תורה. וויפיל מאָל קען זיך מאַכן אַז דעם ערשטן טאָג אין חדר האָט אַ קינד געטון אַ שטות מחמת ווילדקייט, און דער מלמד האָט שוין באַקומען אויף אים אַ שלעכטע רושם. דער אמת איז אָבער אַז **מ'קען נישט וויסן גאָרנישט פון דעם ערשטן טאָג**. דער מלמד קען נאָך האָבן אַזויפיל נחת פון אַזאַ קינד!

### ביים ערשטן מאָל לערנען קען מען נאָך אַרויסהאָבן דעם לימוד

פונקט ווי דאָס אַרבעט בגשמיות, איז דאָס אויך גילטיג ברוחניות, ווען מען לערנט די הייליגע תורה.

בשעת אַ איד לערנט דאָס ערשטע מאָל, לאָמיר זאָגן מסכת יבמות, איז נישט מעגליך במציאות אַז ער זאָל 'לעבן' מיט די סוגיות, ווייל **ער דאַרף זיך נאָך יעצט אָפּגעבן מיט די נייע מושגים וואָס ער האָט יעצט דאָס ערשטע מאָל געטראָפן!** ס'איז נאָך דאָ אפילו פּשוט'ע טייטשן וואָס ער קען נישט! ער דאַרף נאָך גוט דערהערן פאַרשידענע מושגים וואָס ער גייט פאַרשטיין הערשט נאָכדעם וואָס ער האָט דאָס געטראָפן 15-16 מאָל אין דער מסכתא, אויף אַלע סאָרט אופנים.

דאָס איז אַלעמאָל אַזוי, אפילו להבדיל ביי אַנדערע שפּראַכן. ווען אַ מענטש פרעגט: "וואָס מיינט דאָס וואָרט אויף ענגליש?!", אפילו מען וועט אים געבן די פּונקטליכע טייטש, וועט ער אָבער נישט דערהערן ריכטיג דאָס וואָרט, בלויז נאָכדעם וואָס ער וועט דאָס הערן עטליכע מאָל אינמיטן אַ שמועס. ווייל מ'קען נישט אויפכאַפּן קיין מושגים פון דאָס ערשטע מאָל זיך באַקענען דערמיט.

### זיך אמת'דיג מחבר זיין צו דער מסכתא איז דורך אַסאַך מאָל לערנען

ווען אַ איד האָט געלערנט דאָס ערשטע מאָל האָט ער זיך נאָכנישט מחבר געווען צו דער נשמה פון דער זאַך. ער האָט עס געלערנט 'באופן חיצוני'. דאָס קומענדיגע מאָל וואָס ער לערנט באַקומט ער אַ נאָענטערע חיבור דערצו, דאָס דריטע מאָל איז דער חיבור נאָכמער פנימיות'דיג, און אַזוי ווייטער, ביז די תורה ווערט באמת מחובר צו זיין נשמה.

מענטשן וואָס ווייסן 'וויאַזוי' צו לערנען, ווייסן אַז זיי דאַרפן וואַרטן אויף אַ געוויסע 'קליק', ווען מען שפּירט אַז דער מהות פונעם מענטש האָט זיך מחבר געווען מיט דער מסכתא. **אַ מענטש וואָס חזר'ט אַסאַך באַקומט די הרגשה אַז ווען ער ענדיגט די מסכתא וויל ער דאָס נאָכאַמאָל איבערלערנען!** ער וויל עס נישט אָפּלאָזן! ווייל ער שפּירט אַ פנימיות'דיגע קשר דערמיט! דאָס ווערט נישט פון לערנען איינמאָל, נאָר דורך אַסאַך חזר'ן.

### ביי 'חזרה' באַקומט מען די ריכטיגע 'תענוג' און 'מתיקות'

דער פּראָבלעם געשעט ווען אַסאַך מענטשן לאָזן אָפּ נאָך 'מרור', ווייל זיי האָבן נישט קיין געדולד צו אויסוואַרטן אויף דעם 'שלחן עורך'... ער האָט שוין נישט קיין כח צו לערנען, ווייל ער געדענקט אַז דאָס ערשטע מאָל איז אים געווען זייער שווער. ער האָט זיך אַסאַך מאָל פאַרקלאָגט צוליב דעם וואָס ער האָט נישט פאַרשטאַנען פילע מושגים און ווערטער. אָבער **אַזאַ מענטש כאַפּט נישט דעם 'סוד'. אדרבא! גיי יעצט נאָכאַמאָל איבער דאָס לערנען, יעצט קומט די אמת'ע חיבור!** אויב וועסטו ריכטיג חזר'ן איינמאָל און נאָכאַמאָל וועסטו שפּירן אַזאַ חיבור צו דער מסכתא אַז יעדעס מאָל וואָס דו וועסט הערן ווי איינער רעדט פון די סוגיות וועלן דיינע אויגן אויפשיינען!

דער 'סוד' וואָס פאַסירט ביי חזרה איז אַז ביים צווייטן מאָל דאַרף מען זיך שוין נישט אָפּגעבן מיט די שוועריגקייטן פון דאָס ערשטע מאָל און דעריבער באַקומט מען אַ טיפערע חיבור צו דער תורה וואָס מ'לערנט.

דאָס איז נישט ווי מענטשן וואָס מאַכן אַ גרויסן טעות, אַז ווען זיי חזר'ן דאָס צווייטע מאָל זענען זיי נישט דאָרט אינגאַנצן, זיי מישן

די בלעטער שנעל ווייל זיי האָבן דאָך דאָס שוין געלערנט... **דערמיט האָסטו פאַרפּאַסט די גאַנצע נשמה פון דער זאַך!** יעצט האָסטו דאָך די געלעגנהייט זיך צו אַריינלייגן אין דעם לימוד, וועסטו אויטאָמאַטיש זיך מתחבר זיין צו דער 'פּנימיות' פון דעם לימוד!

אַז דו וועסט זיך אַריינלייגן צו אָפּלערנען נאָכאַמאָל די הלכה אָדער די שטיקל גמרא, **וועסטו דאָס דערהערן בעסער און מיט אַסאַך מער ישוב הדעת**, וועסטו אויטאָמאַטיש שוין אליינס צוטרעפן צו תוספות'ס קשיא! ווייל יעצט איז דיין מח 'פּרה ורבה', דו ביזט מחובר צו דער נשמה פון דער זאַך!

### די הכנה הייבט זיך אָן ביי מנחה פון שבת

אויך דער ענין פון 'מעביר סדרה' זיין אַרבעט אויף אַזאַ סאָרט אופן: זיי זיך מחבר מיט דער 'פּרשת השבוע' שוין ביי מנחה פון דעם פאָריגן שבת! מען האָט געזען ביי ערליכע אידן אַז **גלייך מוצאי שב"ק האָבן זיי זיך געמאַכט אַ סדר צו לערנען אַביסל די פּרשה מיט חומש רש"י און אור החיים הק'.**

דאָס איז טאַקע אַן 'עצה טובה', אַז **מ'זאָל אַגאַנצע וואָך זיך שוין מייחד זיין צו לערנען די פּרשה**, אַזוי אַז ווען ס'קומט ענדע וואָך איז מען שוין מחובר צו דער פּרשה! פרייטאָג וועט מען קענען מעביר סדרה זיין ברציפות אָן קיין הפסקה, און שבת וועט מען קענען מיטהאַלטן ריכטיג די 'קריאת התורה'. דאָס איז די ריכטיגע וועג!

טענה'ט דער מענטש: "אָבער כ'האָב נישט קיין צייט". נו, נו, אַז דו האסט נישט קיין צייט איז טאַקע אַ גרויסע רחמנות. אָבער **אויב דו ווילסט וויסן דעם אמת, דאָס איז דער אמת!** אויב וועסטו זיך מחבר זיין צו דער פּרשה, קען מען דיך גאָרנישט מסביר זיין וואָס עס וועט פּאַסירן ביי קריאת התורה דעם קומענדיגן שב"ק!

ב

# הקריאה מעוררת הזמן; דורך לערנען חומש רש"י באַקומט מען די ליכטיגקייט פון דער פּרשה

### כאילו מען האָט זעלבסט געטון אַלע מצוות פון די פּסוקים

נאָכמער שטייט אין ספה"ק **'תורת אבות'** (פּרשת כי תבא) וזל"ק: "**קדושת קריאת התורה היא, להמשיך על נפשותינו הארה הקדושה שמענין הפּרשה, כאילו נעשה בפועל ממש על ידינו**". די קדושה פון קריאת התורה איז אַזוי שטאַרק אַז עס טוט באַלייכטן דעם מענטש, כאילו ער האָט אליינס געטון די אַלע גרויסע ענינים פון דער פּרשה!

צום ביישפּיל ווען אַ איד לערנט 'פּרשת וירא' שיינט דאָרט דער 'אור' פון מצוות 'הכנסת אורחים'. מען לערנט די אַלע פּסוקים פון אָנהויב פּרשה ווי אברהם אבינו האָט מקיים געווען 'הכנסת אורחים' מיט אַזאַ ברען, וואָס האָט אים געברענגט אַ רפואה. (בדרך אגב, שטייט בשם הרה"ק רבי **פּנחס קאָריצער** זי"ע אַז דאָס וואָרט 'אורח' איז צאַמגעשטעלט פון צוויי ווערטער 'אור ח', דאָס איז מרמז אַז די מצוה איז אַן 'אור' וואָס איז ממשיך רפואה, ווייל די ברכה פון 'רפאנו' איז די אַכטע ברכה פון שמונה עשרה).

וויאַזוי שפּירט זיך אַ מענטש נאָכ'ן מקיים זיין בשלימות די מצוה פון 'הכנסת אורחים'?! גאָר געהויבן! ער האָט זוכה געווען צו מקבל זיין פּני השכינה! **קענסטו באַקומען אָט די זעלבע ליכטיגקייט אויב דו גייסט אָנקומען צום לייענען מיט דעם גאַנצן קאָפּ און ווארימקייט.** אָבער מ'דאַרף זיך צוגרייטן דערצו מיט'ן לערנען חומש רש"י, נאָכדעם קען מען טאַקע זיך מחבר זיין צו דער פּנימיות פון דער תורה.

### יעדן שבת קען מען באַקומען די 'אור' פון אַלע עניני הפּרשה

ווייסט וויפיל עס ליגט אין איין פּרשה?! **אַ איד וואָס איז זוכה קען באַקומען אַ 'חיבור פנימי' מיט דער פּרשה, ער האָט אַ געפיל נאָך קריאת התורה אַז הלוואי וואָלט די פּרשה געבליבן אויף נאָך אַ וואָך!**

צום ביישפּיל האָט מען דערמאָנט "פּרשת וירא". די פּרשה האָט אויך די פּסוקים פון דער עקידה וואָס מ'דאַרף גוט לערנען און דערהערן די יסודות פון די מסירת נפש וואָס אברהם און יצחק האָבן אונז איבערגעלאָזט. און אַזוי ווייטער איז דאָ געוואַלדיגע לימודים אין יעדע פּרשה.

אַ איד וואָס איז זוכה קען באַקומען אַ 'חיבור פנימי' מיט דער פּרשה, ער האָט אַ געפיל נאָך קריאת התורה אַז הלוואי וואָלט די פּרשה געבליבן אויף נאָך אַ וואָך!

די 'אורות' וואָס געפינען זיך אין די פּרשיות איז אָן קיין גרעניצן! און שבת קען יעדער איד זוכה זיין צו באַקומען די אַלע ליכטיגע ענינים, אָבער **וויאַזוי איז שייך אַז דער מענטש זאָל האָבן אַ געשמאַק און אַ הנאה, אויב קומט ער אָן צו 'קריאת התורה' און ער איז בכלל נישט דאָרט?!** מ'דאַרף דאך האָבן אַ 'הכנה' אַז מ'זאָל טאַקע זוכה זיין צו שפּירן די פּנימיות פון די הייליגע פּסוקים.

### יעדער קען טרעפן פינף מינוט אין טאָג

מ'הערט פון מענטשן וואָס טענה'ן: "איך האָב נישט קיין צייט! זאָל איך אַוועקנעמען פון לערנען גמרא?!". **רבותי, דאָס איז 'עצת היצר'!** חומש רש"י איז דאך די בעסטע ביישפּיל פון אַ לימוד וואָס מען קען לערנען בלויז פינף מינוט אַ טאָג! יעדער קען טרעפן דאָ דאָרט פינף מינוט. לאָמיר זיך נישט נאַרן; מיר נוצן טאַקע אויס אַלע איבריגע פינף מינוט וואָס מיר האָבן במשך היום?!

היינט איז ב"ה דאָ קליינע חומשים, צעטיילט לויט די פּרשיות, מיט שיינע ביאורים, וואָס מ'קען זיך מיטנעמען איבעראַל און אויסנוצן די צייט צו אַריינכאַפּן עטליכע פּסוקים פון דער פּרשה. **מ'דאַרף דערפאַר מבטל זיין דעם סדר פון גמרא?!** דאָ האַלטן מיר שוין?!

איינער וואָס זאָגט אַזוי איז עס פּשוט ווייל ער האָט זיך נאָכנישט מתחבר געווען צו דעם לימוד און ווען אַ מענטש איז נישט מחובר צו עפּעס דאַרף מען אים יעדעס מאָל דערמאָנען. **אָבער אויב מען איז מחובר האָט מען הנאה פון דעם לימוד און מען טרעפט שוין צייט ווען דאָס צו לערנען!**

# מנוחה ושמחה אור ליהודים; די קדושה פון דעם שבת ליגט באַהאַלטן אין דער פּרשת השבוע

## יעדע שבת האָט אַ ספּעציעלע קדושה לויט די פּרשה

מ'דאַרף טאַקע וויסן אַז אַ איד וואָס איז משקיע צו באַקומען אַ חיבור מיט די פּרשה פון דער וואך, וועט ממילא זוכה זיין אַז **דער 'אור' פון דעם שבת קודש וועט חל זיין אויף אים.** אַזוי ברענגט הרה"ק רבי **צדוק הכהן** זי"ע אין **'פּרי צדיק'** (פּרשת תצוה אות ז') בשם דעם **זוהר הק'**: אַז יעדע שבת האָט זיך זיין באַזונדערע קדושה וואָס דאָס קומט פון די באַשטימטע פּרשה וואָס מען לייענט אין דעם שבת!

יעדער איד וואָס איז שוין אַמאָל אַריבער אַ 'חודש תשרי' ווייסט אַז יעדע יום טוב האָט זיך זיין אייגנאַרטיגע קאָליר און בחינה. ראש השנה האָט זיך זיין רושם וואָס דאָס לאָזט אויף די נשמה, דאַן איז דאָ די ליכטיגקייט פון יוה"כ, סוכות, הושענא רבה, שמחת תורה. אפילו אַ פּשוט'ער מענטש פאַרשטייט אַז די 'גוון' און די 'אור' פון איין יום טוב איז נישט גלייך צו דער אַנדערער.

זאָגט דער זוהר הק' אַז **דאָס זעלבע איז מיט שב"ק.** יעדער שבת האָט זיך זיין קאָליר און זיין קדושה וואָס ליגט אין דער פּרשה פון דער וואך!

## אַ פרישע 'הארה' יעדעס יאָר פונדאָסניי

איי, וועט אַ מענטש פרעגן: "איך האָב דאך שוין געלערנט די זעלבע פּרשה פאַראַיאָר". זאָגט רבי צדוק, אַז **יעדן שבת קומט אַראָפּ אַ נייע 'אור' פאר דעם שבת פון דאָס יאָר!** יעדן שבת ווערט אַ נייע מציאות מיט אַ נייע קדושה, דורך די פּרשת השבוע, וואָס איז נאָכנישט געווען זינט ששת ימי בראשית. ווי דער פּסוק זאָגט: "עולת שבת בשבתו".

## צדיקים האָבן ממש געלעבט מיט דער פּרשה

די קדושת השבת איז אָנגעהאָנגען אין דער פּרשה! אַזוי האָט מען טאַקע געזען ביי צדיקים אַז זיי האָבן געמאַכט אַ גאַנצע עסק פון די פּרשיות וואָס מען האָט געליינט יענע וואָך. צום ביישפּיל ווען ס'איז געקומען 'פּרשת פּנחס' האָט זיך געשפּירט ווי אַ יום טוב, ווייל מען לייענט דעמאָלט די מוספים פון די ימים טובים; ווען מען האָט געליינט 'פּרשת בא' האָט זיך אָפּגעטון אַ 'יציאת מצרים'; מ'פלעגט זאָגן אַ רמז 'מצוה בא יותר מבשלוחו', ס'איז נאָך מער חשוב צו פאָרן צו צדיקים פּרשת בא ווי פּרשת בשלח; נאָכדעם איז געקומען אַ 'שבת שירה', און דערנאָך אַ 'שבת קבלת התורה'.

איינער וואָס שטייט אינדרויסן מיינט אַז דאָס איז בלויז חסידי'ישע ווערטער. ער כאַפּט בכלל נישט פאַרוואָס מען מאַכט אַזאַ עסק פון די פּרשה וואָס מען לייענט ביי קריאת התורה. אָבער באמת האָבן צדיקים ממש געלעבט מיט דער פּרשה! און ווען אַ איד לעבט מיט דער פּרשה **זעט ער בחוש וויאַזוי די גאַנצע קדושה פון דעם שבת איז תלוי אין דער פּרשה.** ער לערנט דאָס איבער נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל און דאָס קומענדיגע יאָר ווען ס'קומט אן די פּרשה, איז ער זיך נישט מתחבר צו דעם 'חיצוניות' דערפון נאר צו דעם פּנימיות'דיגן ליכטיגקייט פון די הייליגע פּסוקים!

## די ריכטיגע 'פּנימיות' קען מען געפינען נאָכ'ן לערנען עטליכע מאָל

ווען מען זאָגט 'פּנימיות' מיינט מען נישט 'קבלה'... עס באַדייט פּשוט אַז דער איד טרעפט צענדליגער רש"יס יעדע וואָך וואָס לערנט אים אויס צו האָבן אַן אַנדערע בליק אין לעבן.

זאָגט אַ מענטש: "איך ווייס נישט, איך טרעף גאָרנישט אין רש"י". אודאי טרעפט ער עס נישט, ווייל דאָס ערשטע מאָל וואָס מען לערנט דאַרף מען נאָך משקיע זיין צו פאַרשטיין די 'פּירוש המילות' און די מושגים. הערשט נאָכ'ן עס לערנען עטליכע מאָל קען מען זיך מחבר זיין צו די פּנימיות פון דער פּרשה!

**דאָס לערנען חומש רש"י איז די בעסטע הכנה צום שבת, ווייל דאָס קען טוישן די גאַנצע שבת פון אַ איד!** אַ איד איז דאך משתוקק אַז דער שבת זאָל אים באַלייכטן זיין נשמה, ער ווייסט דאך אַז אין יעדע פּרשה ליגט 'מרגליות טובות' ספּעציעל פאַר אים!

## די עצה צו פּטור ווערן פון שלעכטע 'הרגלים'

צום סיום פון דעם ענין: יעדער מענטש האָט גאָר אַסאַך 'הרגלים' וואָס ער ווייסט ניטאַמאָל דערפון. דאָס ליגט טיף באַגראָבן אין זיין מהות. צומאָל קען מען זען אַז נאָך צוואָנציג יאָר כאַפּט זיך דער מענטש אַז ער רעאַגירט צו געוויסע זאַכן אויף אַ געוויסע סאָרט וועג, צוליב אַ געשיכטע וואָס ער האָט געהאַט אַלס קינד, און ער האָט אפילו דאָס נישט אויפגעכאַפּט.

די תורה הק' און דער שבת קודש האָבן דעם כח צו עוקר זיין די אַלע טיפע 'הרגלים'! וועט אַ מענטש פרעגן: "אַז איך ווייס נישט דערפון, וואָס איז די גרויסע פּראָבלעם?". אָבער די תשובה איז פּשוט, אַז יעדע נישט גוטע הרגל וואָס דער מענטש האָט, נעמט אים אַוועק אן אַנדערע גוטע מתנה וואָס איז אים אָנגעגרייט. עס לאָזט אים נישט משיג זיין אַ געוויסע אור וואָס ער האָט געזאָלט באַקומען.

## ווען ס'עפנט זיך דאָס האַרץ ווערט ליכטיג פאר דער נשמה

יעדע מצוה האָט דאָך אַזויפיל גוטע שפע, אָבער ס'איז דאָ עפּעס אַ 'הרגל' וואָס לאָזט נישט דעם מענטש טון די מצוה. דער מענטש זאָגט: "כ'שפּיר נישט באַקוועם דערמיט, ס'איז מיר נישט אַנגענעם". ער כאַפּט אפילו נישט פון וואו דאָס קומט. **אָבער ווען עס עפנט זיך דאָס האַרץ פון אַ איד, גייט אַריין די שפע און ס'ווערט אים לעכטיג!** אין דער תורה איז דאך דאָ אַלעס, אַלע נשמות, אַלע מצוות, און דורך די תורה עפנט זיך אַלעס!

**רבותי: די גוטע נייעס איז אַז מענטשן טוישן זיך!** ס'איז דאָ גוטע וועלט און דער רבוש"ע איז מצליח מיט זיין וועלט! **מענטשן מאַכן ריזיגע שינוים!** און אויב זיי זענען מצליח מוז זיין אַז דאָס איז געקומען פון דער תורה, ווייל ס'איז נישטאָ קיין אַנדערע וועג וויאַזוי אַ איד קען זיך טוישן צום גוטן! אַז מען לייגט אַריין די אַרבעט איז מען זוכה צו אַ מורא'דיגע סייעתא דשמיא!

### ◄ אותיות מחכימות ►

פרי צדיק, פרשת תצוה, אות ז'

והענין שבכל שבת יש קדושה מיוחדת לאותו שבת, וכמו שאמרנו כמה פעמים שעל זה נאמר 'שבת בשבתו'.

והקדושה היא קדושת הפרשה שקורין בשבת זו ומיוחדת לה, כמו שכתוב בזוהר הק' (ויקהל רו ע"ב) עיי"ש. ואף שהפרשה היא היא הכתובה בתורה ונקראה בשנה העברה, מכלל שבכל שבת מופיע קדושה חדשה לאותו שבת מקדושת הפרשה שקורין, שיש בה גם כן אור מחדש בכל שנה, ועל זה נאמר 'עולת שבת בשבתו' וכן 'ומדי שבת בשבתו', הקדושה המיוחדת לאותו שבת.



להצטרף לקבלת השיעורים או החוברות באימייל ולשלוח הערות: ארה"ב. 718.387.1122 | א.י. 03.3096216 | Email. info@machonhavineini.com
קול הביני: ארה"ב – 718.686.8300 | א"י. 072.257.7726 | בריטניה. 0204.586.2115 | בלגיה. 03.300.0223